

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויקרא
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"א

## פראגע

### וויאזוי קען זיך א מענטש אויסלערנען צו טראכטן בעפאר ער רעדט?

## ענטפער:

איך האב עס אייך שוין געזאגט מער ווי איינמאל. מען דארף אפמאכן ביי זיך אויף די קומענדיגע צוויי שעה, אז ווען איינער וועט רעדן צו דיר וועסטו נישט ענטפערן ביז די ציילסט ביז פינף. נישט קיין חילוק וואס, צייל ביז פינף איידער דו ענטפערסט.

איינמאל איר באוווייזט דאס, טוט עס נאכאמאל מארגן פאר צוויי שעה. און א טאג דערויף נאכאמאל. נאך א שטיק צייט וועט איר אריינגיין אין דעם הרגל צו טראכטן בעפאר איר רעדט.

בדרך אגב, ווען מען רעדט צו חשוב'ע מענטשן, וועט איר באמערקן, אז אפילו להבדיל גוים זענען געלערנט נישט צו לאזן זייער מויל לויפן.

די בעסטע זאך איז אויב מען ענטפערט בכלל נישט. אסאך מאל, אויף קליינע זאכן, דארף מען בכלל נישט ענטפערן. מען הערט אויס וואס יענער רעדט און מען דארף בכלל נישט ענטפערן. אבער אויב מען מוז, נעמט אייער צייט בעפאר איר ענטפערט. ציילט: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, און דאן קענט איר עפענען אייער מויל. דאס אליינס וועט מאכן אנדערע מענטשן אייך צו באטראכטן ווי א קלוגער מענטש. (493)

## פראגע

### פארוואס בעטן מיר זאכן פון השי"ת אויב אלעס איז סיי-ווי גוט? גארנישט פאסירט נישט אן דעם וואס דער אויבערשטער שלעפט די בענדלעך פון הינטער-די-פורהאנג פאר אונזער תועלת, אויב אזוי פארוואס דאווענען מיר?

## ענטפער:

דער ענטפער איז צווייפאכיג: ערשטנס כל, וואלט איר געזאגט אז מיר זאלן נישט בעטן פאר א צווייטן איד ווייל ס'איז גוט פאר אים צו האבן א קאפ-ווייי; ס'איז גוט פאר אים צו זיין ארעם? ניין, איר וואלט עס נישט געזאגט, ווייל איר פארשטייט אז מ'דארף רחמנות האבן; דאס איז אונזער **פליכט**, זיך צו לערנען רחמנות צו האבן אויף א צווייטן איד און בעטן פאר אים. דער אויבערשטער זאגט, "פארגעס וועגן מיין השגחה, איך ווייס וואס איך טו מיט'ן אים מאכן ארעם אדער קראנק, אבער דיין דזשאב איז צו האבן רחמנות, דאס איז וואס איך וויל פון דיר."

יעצט, אויב אזוי, לאמיר זאגן אז דער איד וואס ליידט טראגט פערצופאל אייער נאמען און קוקט פערצופאל אויס ווי אייך, דארפט איר יעצט נישט רחמנות האבן אויף אים? אודאי דארף מען רחמנות האבן אויך אויף זיך אליינס. דערפאר זאגט השי"ת "האב רחמנות אויף דיין ארימע געטרייע קערפער און בעט אז עס זאל פטור ווערן פון די קרענק, און בעט אז עס זאל האבן גענוג שפייז צו קענען אנגיין."

דאס איז איין סיבה פארוואס מיר דארפן בעטן ווען מיר זענען אין א שווערע מצב חלילה. ווייל ואהבת לרעך כמוך גייט אן אויך אויף זיך אליינס. מיר דארפן רחמנות האבן אויף זיך; דאס איז די סיבה פארוואס מ'טאר זיך נישט אליינס שעדיגן. דו האסט נישט קיין רעכט זיך צו שעדיגן, דו האסט נישט קיין רעכט זיך אריינצולייגן אין א סכנה, ווייל ס'איז א איד פאר וועם דו דארפסט זיך זארגן. און דו דארפסט בעטן פאר אים אויך.

א צווייטע סיבה איז: ווייל די סיבה פארוואס זאכן געשעען איז כדאי אונז אויסצולערנען **דעת**, באוואוסטזיניגקייט אין השי"ת. אויב גייען מיר זיין ווי האלצענע דאמיס און נישט רעאגירן צו זאכן וואס געשעען, איז עס סתם געווען אויסגעווארפן אויף גארנישט. במילא **דארפן** מיר רעאגירן און דאווענען צום באשעפער, מיר דארפן אנערקענען אז ער איז דער מקור וואס האט געמאכט אז ס'זאל געשען צו אונז, אפילו ס'איז גוט פאר אונז. לאמיר זאגן אז א מחלה איז גוט פאר אונז ח"ו, דארפן מיר נאך אלץ אים בעטן אז ער זאל אונז

אויסהיילן. דאס איז די **סיבה** פארוואס די מחלה איז געשיקט געווארן: טאקע כדי אונז צו מאכן דאווענען און אים אנערקענען, ווייל צו אנערקענען דעם איבערשטן איז א גרעסערע טובה פון סיי-וועלכע אנדערע טובה.

איז יעצט האט איר צוויי סיבות פארוואס מיר דארפן בעטן ווען עפעס וואס מיר גלייכן נישט פאסירט צו אונז.

## פראגע:

### אויב א מענטש פרובירט עפעס צו טון און עס קומען אים אונטער אסאך מניעות, וויאזוי ווייסט ער אויב ס'איז דער שטן, אדער אפשר איז עס א צייכן פון הימל אז ער זאל עס נישט טון?

## ענטפער:

ער זאל זיך גיין דורכרעדן מיט איינעם. אסאך מאל מיינען מענטשן אז זיי טוען גוטע זאכן, אבער באמת איז עס די פארקערטע פון גוט. מ'דארף נעמען הדרכה, און אויב איינער זאגט דיר אז ס'איז גוט – איינער וואס איז **פעאיג** דערצו זאגט אז ס'איז גוט – דאן זאלסטו וויסן אז די שטרויכלונג איז נאר א נסיון. עס מאכט דיר געבן א העכערע שפרונג עס איבערצוקומען, דאס אלעס, וועסט באקומען מער שכר.

בכלליות, "שומע לעצה, חכם" (משלי, יב, טו) – א מענטש וואס הערט צו גוטע עצות איז א קלוגער מענטש. גוטע עצות מיינט נישט א "מערידזש קאונסלער". עס מיינט נישט א פסיכאלאג אדער פסיכיאטער; פון זיי שטייט ווייט אזוי ווי מ'שטייט ווייט פון א שלאנג, חוץ אויב ער איז זייער א פרומער איד, ווייל זיי האבן שוין חרוב געמאכט גאר אסאך מענטשן.

זוכט פאר איינעם וואס קען! אויב גדולי ישראל וועלן אייך לאזן זיך דורכשמועסן מיט זיי, כאפט עס און נוצט אויס דעם געלעגנהייט. אויב קלענערע מענטשן זענען גרייט פאר אייך דאן נוצט זיי, אבער ס'איז וויכטיג צו נעמען הדרכה.

רוב מענטשן נוצן בכלל נישט אט די עצה וואס איך געב, זיי נעמען קיינמאל נישט קיין הדרכה פון חכמי התורה, ווייל זיי האלטן אז זיי קענען אליינס באהאנדלען זייערע אייגענע ענינים. קיינער קען נישט! אפילו דער גדול בתורה דארף אויך נעמען עצות פון אנדערע. רבי אלחנן וואסערמאן האט זיך אייביג דורכגערעדט מיט'ן חפץ חיים אדער רבי חיים בריסקער. טראצדעם וואס ער איז שוין נישט געווען אין זיינע יונגע יארן האט ער ווייטער גענומען עצות פון גרויסע מענטשן.

דאס איז א גרויסער טעות וואס חרד'ישע אידן מאכן היינט; עס זענען דא מענטשן וואס באלאנגען נישט צו קיין שום שול, זיי דרייען זיך ארום שבת אינדערפרי. זיי טוען אן דעם טלית אונטער'ן מאנטל און לאזן זיך ארויס אויף אוואנטורעס צו א נייעם שול. במילא האט ער נישט קיין שייכות צו קיין איין תלמיד חכם, כאטש א לאקאלער רב, עמיצער, ער האט נישט קיין שום קשר.

א פרווי רופט מיך אן, זי האט פראבלעמען מיט איר מאן, ער גייט אראפ פונעם דרך הישר, ער דארף הדרכה. זי איז פון בארא פארק. איך פרעג, "וואו דאווענט ער?" ער דאווענט אין צען אנדערע פלעצער. דאס איז א געוואלדיגע שאד; ער האט נישט קיינעם וועם ער הערט אויס. **יעדער** דארף זיין מקושר צו **עמיצען!**

און טראכט אריין, ווען איז געווען דאס לעצטער מאל ווען איר זענט געגאנגען נעמען אן עצה ביי איינעם? ווען איז געווען דאס לעצטע מאל ווען איר האט געהאט א שמועס מיט א תלמיד חכם? וואס איז געווען דאס לעצטע מאל וואס איר האט געזוכט הילף ביי עמיצן וואס איז פעאיג עס צו געבן? איר האט עס מסתמא קיינמאל נישט געטון; דאס איז א געוואלדיגע טעות.

## פראגע:

### אויב א מענטש איז ווי-געטון געווארן דורך עמיצענ'ס ווערטער, זאל עס עס דיסקוסירן מיט אנדערע מענטשן?

## ענטפער:

די בעסטע זאך וואס ער קען טון איז צו פארגעסן דערפון. דאס איז די עבודה פון סבלנות; ווייל עס איז געגעבן געווארן אלס א נסיון. עס איבערצורעדן מיינט אז דו ווילסט איינער זאל דיר בארעכטיגן און יענעם צו באשולדיגן. אסאך מאל וויל מען אז יענער זאל דיר בארויאיגן, אבער איר זאלט וויסן אז איר דארפט נישט קיין בארויאיגונג, די גרעסטע נחמה איז אז דער אויבערשטער איז צופרידן מיט דיר. אלזא, פארגעס דערוועגן.

אסאך מענטשן גייען צו פסיכאלאגן, קאונסלערס; ס'איז א שאד די געלט און די צייט. זיי וועלן מאכן א גאנצע מצב דערפון, און זיכער מאכן אז עס פעלט אויס נאך א באזוך ביי זיי, און נאך א וויזיט, און די בילס האלטן זיך אין איין אנהויפן. די בעסטע זאך איז עס ארויסצולייגן פון קאפ, סתם לאכט עס אפ, לאכט פאר שמחה, ווייל ס'איז א טובה פאר אייך. ס'איז געווען א פריוויליגיע, און איר זענט בייגעשטאנען דעם נסיון און יעצט איז עס שוין דערנאך.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.

SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות






- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק









צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב